פי', און פון זיין פי' אליין קאן מען אלץ פארשטיין, וואס לכאו' דארף מען פארשטיין אט די אלע ענינים, וכפי שיתבאר לקמן.

**ה.** אויף דעם זוהר פון היינטיקע פרשה, איז דא וואס ער שטעלט זיך אין הערות אויפן זוהר (דף רי"ז ב) וואס דארטן רעדט זיך בהמשך צו דעם וואס מען רעדט לעצטענס וועגען הוספה אין לימוד התורה, איז דארטן רעדט זיך אויך ווי ר"ש האט געמאנט פון ר"י אז ער זאל עוסק זיין בלימוד התורה.

וואס דאס איז געקומען בהמשך צו דעם וואס שטייט פריער אין זוהר, "מדבר ליראי הוי' ולחושבי שמו אז נדברו וכתב בספר", אז בשעת עס איז דא למעלה דער ענין פון "נדברו", וואס דא זאגט ער "נדברו" ניט "דברו", נאר ער מיינט אז בשעת עס רעדט זיך למעלה, וואס דאס גייט אויף דער ענין פון תורה, דעמאלט ווערט אויפגעטאן אז "ויקשב וישמע (ביז) ויכתב בספר לזכרון", אז עס ווערט פארשריבען, "ליראי הוי' ולחושבי שמו", וואס "חושבי שמו" זיינען די וואס זיינען עוסק בלימוד התורה, ווארום "כל התורה נק' ע"ש שמותיו של הקב"ה, ווי דער רמב"ם ברייננגט דאס אין זיין הקדמה אויף תורה, במילא איז דא זאגט דער פסוק אז דאס ווערט געזאגט למע' און דערנאך פארשריבען, און דערנאך ווערט דאס נמשך למטה, צו די וואס זיינען זיך עוסק אין תורה.

ובהמשך לזה זאגט ער ווייטער אין זוהר: "דהכי חזא לר' יוסי דהוה מהרהר במילי דעלמא", אז אנשטאט דעם אז ר"י זאל עוסק זיין ב"לימוד התורה" האט ער מהרהר געווען אין "מילי דעלמא", איז בשעת ר"ש האט דאס געזעהן האט ער געזאגט צו ר"י: "קום אשלים דיוקנך דאת חד חסר בך", - אז וויבאלד דו האסט אויפגעהערט צו טאן אין לימוד התורה פעלט ביי דיר איין אות פון דיין נאמען, במילא האט ער געמאנט ביי ר"י אז ער זאל אנהויבען לערנען תורה.

דערציילט ער ווייטער אין זוהר: "קם ר' יוסי וחדי במלין דאורייתא" - אז ר"י האט אנגעהויבען טאן אין לימוד התורה, איז בשעת ער האט אנגעהויבן טאן אין דעם, איז "קם קמי' אסתכל בי' ר"ש א"ל ר' יוסי השתא אנת שלים קמי עתיק יומין ודיוקנך שלים" - אז בשעת ר"י האט אנגעהויבען לערנען תורה איז זיין דיוקנך געווארען ווייטער גאנץ ביז קמי עתיק יומין.

ד.ה. אז היות ר"י האט געהאט ד' אותיות און בשעת ער מהרהר געווען אין ענינים פון וועלט איז יעמאלט אוועק געגאנגען פון אים איין אות פון זיין נאמען, וואס דאס איז "דיוקנך", און בשעת ער האט ווייטער אנגעהויבען לערנען איז דאס צוריק געקומען צו אים, און ווי די מפרשי הזהר זיינען דאס מבאר.

שטעלט זיך דער טאטע אויף דעם און איז מבאר, ווי קומט דאס טאקע אז ר"י האט מהרהר געווען אין "מילי דעלמא", ובפרט ער איז דאך געזעצן צוזאמען מיט רשב"י, איז ווי קומט דאס אז ער זאל מהרהר זיין ב"מילי דעלמא", נאר ער איז מבאר דארטן, אז בכלל איז דא צוויי אופנים אין עבודה, עס איז דא די עבודה פון "לימוד התורה", דערנאך איז דא די עבודה וואס מען איז מברר ענינים פון וועלט, ד.ה. אז דאס וואס ער האט מהרהר געווען אין ענינים פון וועלט, איז בנוגע צו דברים אסורים רעדט מען דאך זיכער ניט, און אפי' דברי רשות רעדט מען אויך ניט אז ר"י האט סתם מהרהר געווען וועגען עניני עולם, הגם דאס איז טאקע רשות, אבער בשעת ער האט ערשט עוסק געווען אין לימוד התורה, און געזעצן צוזאמען מיט דער רשב"י קאן מען ניט זאגן אז ער האט סתם מתעסק געווען אין עניני רשות, נאר מען מוז זאגן אז דאס איז דער ענין פון בירור העולם, אז ער האט געטאן אין דער ענין פון מברר זיין די וועלט, ד.ה. אז עס איז דא ווי אלקות איז אין ענינים פון אלקות, דערנאך איז דא ווי אלקות קומט אראפ אין וועלט, ווי דער בעש"ט זאגט אויף לעולם הוי'

דברך נצב בשמים, אז עס איז דא דער דבר הוי' ווי ער איז אין ענינים פון וועלט, און דא איז געווען דער ענין וואס ר"י האט אנגעהויבען מהרהר זיין אין וועלט, ד.ה. אז ער האט געטאן אין דעם ענין פון מגלה זיין אלקות אין וועלט, וואס דערפאר האט נאר געפעלט איין אות פון זיין נאמען, ווארום אויב ער וואלט זיך סתם מתעסק געווען אין וועלט וואלט יעמאלט געדארפט פעלען אין זיין גאנצע נאמען, נאר היות דאס וואס ער האט מתעסק געווען אין וועלט איז דאס געווען נאר א ענין פון עבודת הבירורים דעריבער האט נאר געפעלט איין אות פון זיין נאמען.

וואס דער ענין פון עבודת הבירורים איז אויך אן עבודה נע' ווי מען זעט די הו"א פון גמ' בנוגע צו אדם לעמל יולד איז דא די הו"א אז דאס איז אויך עמל שיחה ניט נאר עמל תורה, ווי מען האט שוין אמאל ארום גערעדט דער ענין אז דאס וואס די גמ' זאגט עמל שיחה, מיינט דאס ניט סתם שיחה פון בני אדם און ע"ה, ווארום אטו בשופטני עסקינן, ווארום ניט וועגן זיי וואלט די גמ' געהאט א הו"א א יולד צוליב דעם, און ניט דאס הייסט דער ענין פון עמל, נאר בשעת די גמ' האט אז הו"א דער ענין פון עמל שיחה, מיינט דאס דער ענין פון עבודת הבירורים אין וועלט, וואס א קס"ד אין תורה איז אויך א ענין אין תורה, במילא אז די גמ' האט א הו"א אז דאס גייט אויף עמל שיחה איז דאס בנוגע די עבודה פון עבודת הבירורים די עבודה ווי ער איז מגלה אלקות אין וועלט, וואס דאס איז ע"ד דער ענין פון יצחק וואס ויצא לשוח בשדה וואס דאס איז געווען תפלת המנחה, וואס דאס איז דער ענין וואס מען איז מברר וועלט און מגלה אלקות אין וועלט, און ווי דער אלטע רבי רעדט ארום אין תניא אז דאס איז גאר די תכלית פון ירידת הנשמה בגוף אז לא ירדה בשביל עצמה נאר ירדה בשביל צו מברר ומזכך זיין גופו וחלקו בעולם, מאכן א סולם מוצב ארצה וראשו מגיעה שמימה, צו אויפהויבען ענינים פון וועלט צו אלקות.

און דאס זאגט מען איז געווען דער ענין וואס ר"י האט מהרהר געווען אין ענינים פון וועלט, איז דא צוגעקומען רשב"י און געזאגט צו ר"י אז עס פעלט ביי דיר אין דיין דיוקנא, במילא דארפסטו טאן אין לימוד התורה, און דוקא יעמאלט וועסטו האבן א דיוקנא שלים.

וואס לפי זה דארף מען האבן א ביאור פארוואס האט ר' יוסף געדארפט מפסיק זיין פון טאן אין בירור העולם צוליב דער ענין פון לימוד התורה, אה"נ תורה האט אויך א מעלה, אבער דא האט ער דאך געטאן אין דעם ענין פון בירור העולם, איז פארוואס זאל ער מפסיק זיין, ביז אז מען זאגט אז עס פעלט גאר אין זיין דיוקנא דאס וואס ער טוט ניט אין תורה, וואס לכאו' טאן אין וועלט האט דאך אויך א מעלה, וואס דעריבער האט ניט געפעלט ביי אים זיין גאנצע דיוקנא, נאר עס האט געפעלט איין אות, און וויבאלד עס האט נאר געפעלט איין אות, איז פון דעם מוכרח אז דאס וואס ער האט געטאן אין בירור העולם איז אויך געווען א ענין נע' פונדעסטוועגען זאגט מען אבער אז עס האט געפעלט אין זיין דיוקנא, ווארום תורה איז דאך פארט העכער פון דעם.

איז דא דארף מען האבן א ביאור, טאקע תורה איז העכער פון בירור העולם, אבער פארוואס זאל פעלען ביי אים א אות דורך עוסק זיין אין דעם, ובפרט אז דא זאגט מען אז וועלכע אות האט געפעלט דער ערשטע אות וואס דאס איז געווען אות יו"ד, ווארום יוסי האט דאך אין זיך פיר אותיות, וואס דאס איז כנגד די ד' אותיות פון שם הוי', און דאס איז אויך בגמטרי' אלקים, וואס אלקים איז דער מגן ונרתק לשם הוי', און דא זאגט מען אז עס האט גאר געפעלט ביי אים דעם ערשטע אות, וואס דאס איז אות יו"ד, וואס אות יו"ד איז דער עיקר פון שם הוי', במילא קומט דאך אויס אז דא האט גאר געפעלט אן ענין עיקרי אין זיין נאמען, און דוקא דורך לימוד התורה האט ער דאס געקאנט צוריק ממשיך זיין, במילא זעט מען פון דעם אז תורה האט אין זיך אזא מעלה ביז אז דאס איז באין ערוך לגבי טאן אין בירור

העולם, וואס לכאו' דארף מען פארשטיין פארוואס טאקע זאגט מען אז לימוד התורה איז אזוי באין ערוך לגבי דער ענין פון בירור העולם, וכפי שיתבאר לקמן.

ו. בנוגע צום ביאור אין רש"י: דאס וואס דער פסוק זאגט דא "המשכן משכן" נאר צוויי מאל, איז פון דעם אליין מוכרח אז דער פסוק רעדט דא נאר וועגען צוויי חורבנות, ווארום אויב דער פסוק וואלט געמיינט זאגן אויך דעם דריטען חורבן וואלט דער פסוק געדארפט צולייגען נאך א ריבוי, און פון דעם וואס דער פסוק זאגט נאר צוויי מאל "משכן", איז פארשטאנדיק אז דא רעדט ער נאר וועגען צוויי חורבנות.

און דאס איז וואס רש"י ברענגט אראפ רעדט אין זיין פי' "שני פעמים", וואס ער וויל מיט דעם מרמז זיין אז דער פסוק רעדט נאר וועגען צוויי חורבנות, דעריבער זאגט רש"י נאר בנוגע צום חורבן פון ביהמ"ק א' וב' און ברענגט ניט דעם חורבן פון "משכן שילה", ווארום דער פסוק זאגט נאר צוויי מאל "משכן".

אבער וואס איז דער הכרח אז דאס גייט אויף די צוויי חורבנות פון דעם "ביהמ"ק" דוקא, אפשר רעדט ער אויף "משכן שילה", נאר דאס איז רש"י מדייק אין זיין לשון און זאגט: "רמז למקדש שנתמשכן בשני חורבנין", וואס לכאו' אז רש"י פירט אויס צום סוף פון זיין פי' אז דאס גייט אויף "שני חורבנין" לשון רבים, איז פארוואס בתחלת פי' זאגט ער "רמז למקדש", ער האט געדארפט זאגן "רמז למקדשות לשון רבים, וויבאלד ער רעדט וועגען צוויי בתי מקדשות, ועד"ז דאס וואס ער זאגט נאך דעם "שנתמשכן" - לשון יחיד, דא רעדט מען דאך וועגען ביידע ביהמ"ק.

נאר דא איז רש"י מרמז דער ענין, אז פארוואס זאגט ער דוקא די בתי מקדשות און ניט "משכן שילה", ווארום דא דארף מען זען אז עס איז געווען אזא ענין וואס עס האט זיך איבער געחזר'ט צוויי מאל, ד.ה. אז עס איז געווען פונקט די זעלבע פון פריער, וואס דאס זעט מען נאר ביים ביהמ"ק פון אין ביהמ"ק צום צווייטען, אז דער איבערשטער האט צוריק גענומען דעם זעלבען "משכן", אבער "משכן שילה" איז געווען לגמרי אנדערש פון די ביהמ"ק, דעריבער זאגט רש"י אז דאס גייט דוקא אויף די ביהמ"ק ווארום ביי זיי זעט מען דער ענין וואס דער אויבערשטער האט צוריק גענומען דעם זעלבען משכן, אבער "משכן שילה" איז געווען א אנדערע משכן לגבי דעם ביהמ"ק.

וואו זעט מען אז אין דעם ביהמ"ק האט זיך איבער געחזר'ט דער זעלבער ענין, ווי עס איז געווען אין בית א' לגבי בית ב', נאר דאס האט שוין רש"י באווארנט פריער, ווען רש"י טייטשט אפ וואס איז דער פי' פון "מקדש" אז דער מקדש איז א "בית קדושה לשמו ית'", ד.ה. אז עס איז דא אין כללות'דיקער ענין אין דעם ביהמ"ק וואס דאס איז אז דאס איז א בית צום אויבערשטן.

וואס אה"נ אין דעם בית זיינען פאראנען כמה וכמה חילוקים, ווי דער קינד זעט פון זיך אליין אז עס זיינען דא כמה חדרים, עס איז דא דער חדר החיצון און דער חדר הפנימי, עד"ז זאגט מען אז אין דעם ביהמ"ק בפרטיות איז פאראן כמה חילוקים, עס איז דא "עזרה" און דער "היכל" און דערנאך קומט מען צום "קודש" ביז "קודם הקדשים", ועד"ז אין דעם "משכן" איז געווען די חילוקים פון "חצר" ביז "קודש" ביז "קה"ק", וואס דאס אלץ זיינען דאך חילוקים אין דעם ביהמ"ק אליין, ועד"ז אין דעם ביהמ"ק איז דא חילוקים פון אין ביהמ"ק ביז דעם צווייטען, וואס בנוגע דעם ביהמ"ק פון לע"ל יעמאלט וועט זיין דער ענין פון "שתי ידים", ווארום ביז איצטער איז נאר געווען אין יד "ידך", משא"כ דער ביהמ"ק פון לע"ל וועט זיין "בשתי ידים", ווי עס שטייט "הוי' מקדש ה' כוננו ידיך", אז עס וועט זיין

חורבן פאר בנ"ל, וועט ארויס גיין פון דארטען "דבר הוי'", וואס "דבר הוי' זו הלכה".

ז. בנוגע צום זוהר, דאס וואס מען האט גערעדט פריער אז "ר"ל הי' מהרהר במילי דעלמא", און דערנאך איז געקומען ר"ש און האט אים געזאגט אז מען דארף טאן אין לימוד התורה, איז דאס וואס ר"ל האט מהרהר געווען אין ענינים פון וועלט איז דאס ניט געווען סתם ענינים פון וועלט, נאר דאס איז געווען וואס ער האט געטאן אין דער ענין פון עבודת הבירורים - אויף צו מברר זיין וועלט! וואס דאס איז דאך אן עבודה נע', אבער פונדעסטוועגען האט ר"ש אים געזאגט אז דאס איז ניט דיין עבודה נאר מען דארף עוסק זיין אין תורה, וואס דאס איז ב"אין ערוך" העכער פון דעם, וואס לכאו' דארף מען פארשטיין וואס איז אזוי די מעלה פון תורה לגבי טאן אין עבודת הבירורים, ביז אז מען זאגט אז דאס איז לגמרי ב"אין ערוך" צו "מילי דעלמא", וואס הגם איצטער מוז דאך זיין בעיקר די עבודה פון עבודת הבירורים, ווארום מען דארף דאך ארפאברייננגען משיח און דאס איז ע"י עבודת הבירורים, און דאס איז דאך א "מצוה שא"א לעשותה ע"י אחרים", במילא ליגט אויף יעדער איינעם דעם חיוב צו טאן בעיקר אין עבודת הבירורים, פונדעסטוועגען זאגט מען אז עס דארף זיין דער ענין פון לימוד התורה, ווארום דאס איז ב"אין ערוך" העכער פון עבודת הבירורים, וואס לכאו' פארוואס איז דאס ב"אין ערוך" העכער, און אויב דאס איז העכער ווי קומט דאס אז ר"ל האט עוסק געווען ב"מילי דעלמא"?

נאר דער ביאור אין דעם איז, וואס ר"ש, זיין דרגא איז געווען אין עולם האצילות, אבער ר"ל זיין דרגא איז געווען אין עולם הבריאה אדער בריאה דאצילות, במילא איז מצד ר"ש וואס ער איז געווען פון עולם האצילות, איז אצילות שטייט דאך העכער פון וועלט, איז דארטן דער עיקר העבודה בלימוד התורה דוקא, אבער ר"ל וואס זיין דרגא איז דאך געווען אין בריאה, וואס בריאה איז שוין התחלת בי"ע וואס דאס האט א שייכות צו וועלט דעריבער האט ער עוסק געווען ב"מילי דעלמא" - אין עבודת הבירורים.

דערנאך איז ר"ש געקומען צו ר"ל און געמאנט פון אים אז ער זאל אנהויבען לערנען תורה, ד.ה. אז איצטער דארף ער טאן אין העכערע ענינים ביז איצטער האט ער געהאט א שייכות צו בריאה, און איצטער האט ער א שייכות צו אצילות, דעריבער דארף ער איצטער אנהויבן לערנען תורה.

און דאס וואס ר"ש איז געקומען צו אים דאס מעורר זיין, איז ווייל ער האט געזען אז עס פעלט ביי אים אן אות פון זיין "דיוקנא", במילא האט ער געזען אז ער טוט ניט זיין עבודה בשלימות, און דעריבער האט ער געמאנט פון אים אז ער זאל אנהויבען טאן אין תורה.

און דאס וואס ר"ל האט זיך ניט געכאפט אז עס פעלט ביי אים א אות אין זיין "דיוקנא", ווארום ביז איצטער איז זיין עבודה געווען בעיקר שייכות צו עולם הבריאה, און דארטן האט ער טאקע געטאן די עבודה בשלימות, ווי עס מאנט זיך מצד בריאה, במילא אלץ זיין דרגא ווי ער שטייט אין בריאה האט ער געטאן זיין עבודה בשלימות, און דערפאר האט ער ניט געפילט אז עס פעלט ביי אים אין זיין עבודה.

אבער ר"ש וואס ער האט געזען אז ווי ער האט אפגעטאן זיין עבודה אין בריאה האט ער דאס שוין אפגעטאן בשלימות, במילא איז איצטער מאנט זיך פון אים צו טאן אין א העכער עבודה וואס ער דארף איצטער אנהויבן טאן די עבודה ווי עס מאנט זיך מצד עולם האצילות, במילא ווייבאלד ער איז איצטער צוגעקומען צו די דרגא, און ער האט נאך אלץ עוסק געווען אין די נידעריקע עבודה דעריבער האט געפעלט ביי אים א אות פון זיין "דיוקנא", דעריבער האט דאס ר"ש מעורר געווען ביי אים אז איצטער

מאנט זיך פון עס א העכער סארט עבודה - לימוד התורה, און דעריבער גלייך בשעת ער האט אנגעהויבען טאן אין לימוד התורה, איז צוריק געקומען צו אים דער אות פון זיין דיוקנא".

יעדער ענין איז דאך דא ווי עס קומט אראפ אין נגלה, עד"ז בנוגע צו דעם ענין איז דא אויך ווי מען זעט דאס אין נגלה, און דאס איז וואס עס איז דא די דרגא פון תורה ווי עס איז "תורתו אומנתו", וואס דאס איז געווען רשב"י וחבריו, וואס ביי זיי איז געווען בעיקר די עבודה פון לימוד התורה, און זיי האבן ניט מפסיק געווען צו קיין אנדערע ענינים אויך ניט בנוגע צו תפלה, נאר בנוגע צו ק"ש, לולב און מצה.

וואס עס איז פארשטאנדיק אז די וואס זיינען געווען פון די "חברייא" פון רשב"י, האט דער רשב"י ניט אריינגענומען איינער וואס איז געווען א "תינוק בן יומו", נאר דוקא אזא וואס איז געווען לאחר "בר מצוה", וואס ער האט עוסק געווען בלימוד התורה, ביז צו די העכסטע דרגא פון לימוד התורה, און ביז ער איז געווען ראוי צו אריינגיין אין די "חברייא" פון רשב"י.

און אפי' לאחר וואס ער איז אריינגעגנאגען אין די "חברייא" איז דארטן גופא געווען כמה וכמה חילוקים, עס זיינען געווען פון די וואס איז געווען אין די "אדרא זוטא", און דערנאך די וואס זיינען געווען אין "אדרא רבא", און אין זיי גופא איז געווען כמה חילוקים צווישען די וואס זיי האבן געדארפט פארשרייבען בכדי צו איבער געבען צו א צווייטען, און דערנאך די וואס האבן פארשריבען פאר זיך אליין, במילא זעט מען אז עס זיינען געווען כו"כ חילוקים.

ועד"ז בנוגע צו א "בי"ד" דארטן געפינט מען אויך אז עס זיינען געווען כמה וכמה חילוקים, ניט גלייך איז ער אריין אין דער "בי"ד - פון - ע"א", נאר ערשט איז ער א דורך געגאנגען דעם "בי"ד - פון - כ"ג" און דערנאך צו א "בי"ד - פון - ע"א", און אין דעם גופא זיינען געווען כמה וכמה חילוקים, עס איז געווען דריי שורות, און דער וואס איז געווען צווייטע שורה האט ניט געקאנט זיין אין די ערשטע שורה.

ועד"ז האט מען געזען ביים אלטען רבי וואס עס זיינען געווען די חדרים, וואס ווי איז מען אריינגעגאנגען צו די חדרים איז דאס געווען דורך כמה בחינות, אויף צו זען אויף וויפיל ער האט א שייכות צו איז מסוגל, און עס איז געווען די פון חדר הראשון און פון חדר השני.

במילא זעט מען פון דעם ווי עס זיינען דא כמה חילוקים און כמה דרגות, ביז מען קומט צו די העכסטע דרגה, עד"ז בנוגע צו ר"י וואס פאר דעם איז ער טאקע געווען אין א נידעריקע דרגה, דעריבער האט ער עוסק געווען אין א נדיעריקע עבודה - "מילי דעלמא", אין עבודת הבירורים, ווארום ער איז געשטאנען אין א נידעריקע דרגה און איז ניט געווען פון די "חברייא" פון רשב"י, אלי ווי קומט עס אז ר"י האט בכלל געפרעגט ביי אים כמה ענינים, נאר רשב"י האט דאך געענטפערט ענינים אפי' צו די וואס זיינען ניט געווען פון זיין "חברייא".

דעריבער איז בתחלה האט ר"י ניט געטאן קיין העכער עבודה, ווארום ער האט ניט געהאט קיין שייכות צו א העכערער ענין, און ער האט נאר געטאן דאס וואס עס מאנט זיך פון אים, ע"ד די מעשה פון ר' זושא מאניפאלי וואס ער האט געזאגט אז מען וועט ניט מאנען פון אים דאס וואס ער איז ניט ווי די אנדערע צדיקים גדולים, נאר דאס וואס ער איז ניט ר' זושא, במילא עד"ז בנוגע צו ר"י איז ער האט עוסק

געווען נאר אין די עבודה וואס איז געווען שייכות צו אים און ניט געטאן אין א העכערע עבודה, ווארום ניט דאס האט מען געמאנט פון אים.

נאר דערנאך בשעת ער איז דערגאנגען צו א העכערע דרגא, דעמאלט האט מען געמאנט פון אים אז ער דארף אנהויבען טאן אין א העכערע עבודה, דעריבער האט געפעלט ביי אים אן אות פון זיין "דיוקנא" ווארום איצטער האט מען געמאנט פון אים אן העכערע עבודה און ער האט נאך אלץ עוסק געווען אין די נידעריקע עבודה.

און דאס וואס ער האט ניט געפילט אליין אז עס פעלט ביי אים אין זיין "דיוקנא", ווארום ער שטייט דאך איצטער העכער ווי פון פריער, איז פארוואס האט ער ניט געפילט אז איצטער שטייט ער העכער און עס מאנט זיך פון אים א העכערע עבודה?

נאר דאס איז ע"ד ווי עס שטייט ביי משה רבינו אז "לא ידע כי קרן עור פניו", אז ער מצ"ע האט ניט געוואוסט אז ער איז צוגעקומען צו א העכערע עבודה, במילא האט ער געדארפט אנקומען אז א צווייטער האט אים געזאגט אז איצטער שטייט ער העכער, ועד"ז בנוגע צו ר"י אז ער מצ"ע האט ניט געוואוסט אז ער איז צוגעקומען צו א העכערע דרגא, דעריבער ער האט נאך אלץ עוסק געווען אין די נידעריקע עבודה, דערנאך אבער דער רשב"י (וואס ער איז געווען זיין "רבי") מגלה געווען צו אים אז עס פעלט אין זיין "דיוקנא", ווארום ער איז צוגעקומען צו א העכער דרגא דעריבער דארף ער איצטער אנהויבען טאן אין א העכערע עבודה.

ועד"ז איז דאס אין די עבודה פון יעדער איינער, אז עס איז דא דער אופן ווי ער שטייט אין זיין דרגא, און מען מאנט פון אים אז ער זאל טאן דאס וואס עס מאנט זיך פון זיין דרגא, דערנאך איז דא ווי ער קומט צו א העכערע דרגא וואס דעמאלט מאנט זיך פון אים אז ער דארף אנהויבען טאן א העכערע עבודה, און זיך ניט מסתפק זיין מיט די נידעריקע דרגא.

**ח.** אזוי ווי ס'איז דאך היינט שבת פ' "החודש", וכפשוטו איז דאס וואס עס שטייט "החודש הזה לכם ראש חדשים, גייט דאך דאס אויף ר"ח ניסן, וואס דעמאלט האט דער אויבערשטער אנגעזאגט די אידן וועגען קרבן פסח, שה לבית אבות און עס זאל זיין "על מצות ומרורים יאכלוהו", איז כאן המקום להזכיר בנוגע צו די צרכים פון פסח, וואס דער ענין פון "פסח" איז דאך ניטא היינט, און בנוגע צו "מרור" דארף מען דאך ניט האבן דערצו קיין גרויסע הכנות, משא"כ בנוגע ל"אכילת מצה" דארף מען דאך האבן דערצו כמה הכנות וכו'.

איז כאן המקום להזכיר וועגען דעם ענין וואס מ'האט שוין גערעדט וועגען דעם כמה פעמים, און עס איז שוין אפגעדרוקט איז איבער געבען כמה פעמים, אז מען זאל זען אז וואס מער אידן זאלן האבן "שמורה" מצה אויף פסח, געבען זיי מצה אויף א גאנץ פסח, אדער עכ"פ געבען זיי מצה פאר דעם סדר זעקס מצות, ווי מען פלעגט אמאל זאגען א גאנג מצות, אדער עכ"פ א גאנצע מצה, די מצה אמצעית, אדער עכ"פ פאר די כזית מצה זאל ער האבן.

און מען זאל דאס טאן אין דעם בחיות ובמרץ הכי גדול, זען אז וואס מער אידן זאלן האבן מצה, עס זאל אנקומען צו נאך א איד און נאך א איד, און דוקא האנט מצה, און דוקא אן עגולה, מיט די אלע הידורים בזה, ביז אין אן אופן פון "ושמרתם את המצות" כפירוש הפשוט אז מען זאל היטן די מצות און אויך דעם צווייטען פירוש "ממתין ומצה", אז א איד קוקט אין ווארט ווען וועט שוין קומען דער זמן אז ער זאל קאנען עסן מצה, וואס דאס איז דאך "מיכלא דאסוותא" ו"מיכלא דמהימנותא", ווי ער זאגט אין זוהר.

בס"ד. שיחת ש"פ ויק"פ, פ' החודש, מבה"ח ניסן, תשל"ה.

<u>הנחת הת' בלחי מוגה</u>

א. שבת פרשה החודש פאלט דאך אויס ברוב השנים בשבת מברכים החודש ניסן. [אע"פ אז ווען ר"ח ניסן פאלט אויס שבת – איז דעמולט, שבת <u>ר"ח</u>, פ' החודש – אבער אין רוב הפעמים ככולם, און אזוי איז אויך די קביעות פון שנה זו, אז ש"פ החודש איז בשבת מבה"ח ניסן. און תורה על הרוב תדבר].

ד.ה. אז בשבת מבה"ח ניסן איז דא אן ענין נוסף אויף אלע שבתות מבה"ח. וואס ביי יעדער חודש איז דאך דא דער שבת מברכים שלפניו, און אזוי אויך ביי חודש ניסן, נאר שב"מ החודש ניסן קומט צו א ענין, און איז אנדערש פון די אנדערע שבתות מבה"ח, אזוי ווי דער חודש ניסן איז אנדערש פון די אנדערע חדשים.

און בכדי צו וויסן דעם חידוש וואס אין חודש ניסן און שבת מברכים שלפניו, דארף מען דאס זוכן אין תורה,

[וואָרום תורה איז דאך "תורה <u>אור</u>" (משלי ו, כג) – זי באלייכט די וועלט. וואס אזוי ווי אור בכלל, ליכטיקייט, איז זיין ענין צו באלייכטן די ענינים וואס זיינען מחוץ הימנו, אזוי אויך תורה באלייכט די ענינים פון וועלט, אז מ'זאל זיך קענען פאנאנדערקלייבן און זען וואס עס טוט זיך ארום זיך],

און אין תורה גופא – דארף מען זוכן אין אט דער פרשה וואס מ'לייענט און מ'לערנט בשבת זו, און ווי די תורה פון אלטן רבי'ן (היום יום ע' קא) אז מ'דארף לעבן מיט דער צייט, ד.ה. מיט דער פרשה בתורה וואס מ'לייענט און מ'לערנט אין אט דער צייט,

וואָרום די קריאה פון אט דער פרשה האט א שייכות צו דער וואך, וואס דערפאר איז זי נקבע געווארן אין דעם שבת, על דרך ווי די קביעת הפרשיות אין די מועדים וימים טובים, וואס די קריאות האבן א שייכות צו דעם זמן ווען מ'לייענט זיי (של"ה חלק תושב"כ פ' וישב),

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז פון דער פרשה קען מען ארויס־נעמען דעם ענין מיוחד וואס אין חודש ניסן, ובשבת מברכים שלפניו.

וואס די פרשה הויבט זיך אן [לאחר די הקדמה כללית, ווי אין כמה פרשיות: וידבר הוי' אל משה וגו'] : "החודש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה". ד.ה. אז נוסף אויף דערויף וואס חודש ניסן איז "החודש הזה" – א חודש ווי אלע חדשים, קומט אבער צו אין חודש ניסן אן ענין <u>מיוחד</u>, אז ער איז דער "<u>ראש</u> חדשים" און דער "<u>ראשון</u>..לחדשי השנה". [ואע"פ אז בנוגע לשנים איז דא א מחלוקה פון ר' אליעזר – וואס האלט אז דאס איז בתשרי – און ר' יהושע – וואס האלט אז דאס איז בניסן – (ר"ה י, ב. ואילך), אבער בנוגע צו <u>חדשים</u> איז מקרא מלא דיבר הכתוב אז ניסן איז ראש חדשים, ביז אז דאס איז נוגע להלכה בכמה וכמה ענינים].

וואס דאס איז ווי דאס שטייט אין תושב"כ, און דערנאך איז דא דער ביאור אויף דערויף אין תושבע"פ – אין <u>וואס</u> באשטייט די מעלה פון ניסן אז ער איז א ראשון, זאגט ער אויף דערויף אין מדרש (שמ"ר פט"ו, יא): משבחר הקב"ה בעולמו קבע בו ראשי חדשים ושנים, ומשבחר ביעקב ובניו קבע להם ראש חודש של גאולה, און ער ברייננגט אויף דעדוף דעם פסוק: החודש הזה וגו'. ד.ה. אז די מעלה פון חודש ניסן – וואס ער איז ראשון – איז, אז ער איז א חודש של גאולה.

וואס דער אויפטו פון גאולה איז דאך, אז ער ווערט א חפשי און א בעל-הבית אויף זיך. וואס וויבאלד אז דאס איז **גאולה**, הייסט עס דאך אז פריער איז געווען א מצב פון עבודות ושעבוד, [ווארום אויב ניט - איז דאך ניט שייך קיין גאולה], און די גאולה טוט אויף אז ער גייט ארויס פון אט דעם מצב און ווערט א בן-חורין, וואס דעמולט קומט ער ערשט צו, לתכלית השלימות.

[ווארום בשעת מ׳איז משועבד, איז דאס ניט קיין תכלית השלימות, און ער נוצט ניט אויס זיינע כחות בשלימות אזוי ווי ער וויל, און אפילו אויב א טייל פון דער צייט טוט ער ענינים טובים, איז דאך אבער א טייל, עכ"פ, פון זיין צייט דארף ער טאן ענינים שלא ברצונו, מצד זיין שעבוד צום אדון שעל גביו; און בתכלית השלימות איז ער דווקא ווען ער איז צו קיינעם ניט **משועבד**, און אפילו ניט משועבד צו זיינע תאוות, און צום רוח שטות [וואס אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות (סוטה ג, א)] און צו רצונות בלתי רצויים, וואס דעמולט איז **ער** אין א מצב פון גאולה, און נוצט אויס זיינע כחות בתכלית השלימות].

וואס עד"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו חודש של **גאולה** - אז פאר דערויף איז א מצב וואס מ׳דארף האבן א גאולה פון אים. וואס דא זעט מען א דבר נפלא:

מ׳זאגט דאך אז "**בחר** הקב"ה בעולמו", ניט נאר "**ברא** הקב"ה", [וואס דאס איז "נצר מטעי מעשי ידי להתפאר" (ישעי׳ ס, כא)], נאר "בחר", וואס דער ענין הבחירה איז דאך אן ענין נעלה ביותר; איז ווי זאגט מען אז דאס איז א מצב וואס מ׳דארף האבן פון אים א גאולה, [וואס דאס איז געווארן ערשט "משבחר ביעקב ובניו"], און דוקא דורך דער גאולה ווערט דער תכלית השלימות?

על דרך זה דארף מען פארשטיין, דאס וואס דווקא חודש ניסן ווערט אנגערופן "חודש של גאולה". לכאורה זאגט מען דאך **יעדער** חודש ביי קידוש לבנה "שהם עתידים להתחדש כמותה" (סנהדרין מב, א), אז אידן שטייען אין א מעמד ומצב פון חידוש. און מ׳זאגט דאס מיט א ברכה בשם ומלכות, און מ׳זאגט דאס ניט נאר בחודש ניסן, נאר אין אלע חדשים. ולכאו׳, אויב אזוי - וואס איז דער אויפטו פון חודש ניסן.

וואס עס איז דאך אין ענין יוצא מידי פשוטו, אז בחודש ניסן איז געווען די גאולה פון גלות מצרים, וואס מצרים איז דאך געווען א ביה עבדים, און אידן זיינען דארטן געווען אין א מצב פון עבודות ושעבוד ביז כפשוטו אין עבודת פרך: "וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים וגו׳" (שמות א, יד) -

וואס עבודה בחומר ובלבנים מצ"ע - איז נאך ניט מוכרח אז דאס איז עבדוה ועבודת פרך. ווארום אפילו ווען א מענטש טוט די שווערסטע עבודה, אויב אבער ער טוט עס מצד **זיין** רצון און ער האט אין דערויף א געשמאק - איז דאס ניט קיין עבודה ושעבוד, ואדרבא: ער האט דערפון הנאה ותענוג, [על דרך ווי ער זאגט אין שו"ע (או"ח סי׳ רפ"ח ס"ב), בנוגע צו עונג שבת, אז אויב איינער האט צער פון אכילה, און תענוג - פון העניה (מאידו סיבה שהי׳), מעג ער פאסטן שבת ווארום דאס איז **זיין** תענוג]

- איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז די עבודה בחומר ובלבנים אין מצרים איז געווען שלא ברצונם פון אידן, (ווארום אויב עס וואלט געווען מרצונם - וואלט עס ניט געווען קיין עבודה, וכנ"ל). וואס דערפאר איז דאס א ענין של גלות ביז אז אע"פ אז כל המלכיות (גלויות) נקראות ע"ש

**הנחה הה׳ בלתי מוגה**

מצרים - שהן מצירים לישראל (ויק"ר יג, ד) - פונדעסטוועגן האבן זיי דאך אויך זייערע אייגענע נעמען: בבל, פרס, מדי, יוון, אדום. משא"כ מצרים ווערט אנגערופן נאר מיטן נאמען "מצרים" - מצירים לישראל.

איז ניט פארשטאנדיק: גלות מצרים איז דאך געווען א ציווי פון דעם אויבערשטן, וואס ער האט געזאגט צו אברהם אבינו בברית בין הבתרים: "ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה" (שמות טו, יג), איז הגם אז דאס איז א עבודה קשה בחומר ובלבנים וויבאלד אבער אז מיט דעם איז ער מקיים א ציווי פון דעם אויבערשטן איז דאס א ענין פון תענוג - על דרך ווי חומר ולבנים וואס מ'טוט בבנין ביהמ"ק, [וואס אין מזבח זיינען געווען לבנים, און עד"ז אויך אין ביהמ"ק בכללות, כמבואר בכ"מ (רמב"ם הל' ביהב"ח פ"א ה"ח-ט')], איז דאך ניטא קיין גרעסערער תענוג בא אידן ווי בויען א ביהמ"ק צום אויבערשטן. איז ווי זאגט מען אז די עבודה בחומר ובלבנים וואס מצד ציווי הקב"ה, ווערט אנגערופן גלות?

און עד"ז איז געווען דער אנהויב פון גלות מצרים, ובלשון ההגדה: "וירד מצרימה - אנוס על פי הדיבור", וואס לכאו' איז דאס א דבר והיפוכו: אויב ס'איז עפ"י הדיבור איז דאס ניט "אנוס", אדרבא: בא יעקב'ן איז דער גרעסטער תענוג - מקיים זיין א ענין ש"עפ"י הדיבור", איז ווי זאגט מען אנוס עפ"י הדיבור, ס'איז דאך א סתירה מיני' ובי'?

און ס'איז פארשטאנדיק, אז פונקט אזוי ווי בנוגע צו יעקב'ן איז פשוט אז מען קען ניט פארענטפערן און מחלק זיין, אז מצד הגוף איז ער אנוס, און מצד הנשמה - <u>וויל</u> ער מקיים זיין דעם דיבור,

אזוי קען מען אויך ניט מחלק זיין בנוגע צו אלע אידן, ווארום ביי יעדער אידן, איז, בפנימיות הענינים, זיין רצון האמיתי - דער רצון העליון, און ביי יעדער אידן איז דאך די נשמה דער עיקר,

[און ווי געדערט כמ"פ דעם פסק דין הרמב"ם (הל' גירושין ספ"ב), אז ווען מ'איז כופה צו געבן א גט עפ"י שו"ע, הייסט עס א גט (מרצונו), און עד"ז בנוגע קרבנות, אע"פ וואס עס דארף זיין "לרצונכם" (ראה ערכין כא, א), פונדעסטוועגן איז כופין אותו עד שיאמר רוצה אני. ווארום דער "כופין" נעמט (נאר) אראפ זייטיקע זאכן וואס זיינען מעלים אויפן רצון האמיתי פון א אידן, און דער רצון ווערט נתגלה,

וכידוע די תורה פונעם אלטן רבי'ן: א איד ניט ער וויל ניט ער קען זיין א נפרד מאלקות]

וואס עפ"י זה איז ניט פארשטאנדיק ווי אזוי רופט מען דאס אן מיטן נאמען "גלות", ביז אז ס'דארף זיין דערנאך א גאולה, וואס עד"ז איז בכל החדשים זאגט מען "שהם עתידים להתחדש כמותה" ואעפ"כ זאגט מען אז דווקא ניסן איז א חודש של גאולה - ראש חדשים, כנ"ל בארוכה.

איז דער ביאור בכל זה, עכ"פ די נקודה בקצרה - עפ"י המבואר בכמה דרושי חסידות אז דער ענין פון מצרים ברוחניות איז מיצר וגבול דקדושה, וואס כאטש עס איז קדושה, אבער ס'איז במיצר וגבול. ביז וואנעט אז מיצר וגבול למטה נעמט זיך דערפון וואס עס איז דא מיצר וגבול דקדושה, (און דערפון קומט דאס אראפ אויך למטה).

און אע"פ אז דאס איז (מיצר וגבול ד)<u>קדושה</u>, איז דאס אבער ניט דער <u>תכלית השלימות</u> פון קדושה. און דערפאר דארף זיין די גאולה דערפון - תכלית השלימות.

און דאס איז וואס ער זאגט אין מדרש, אז אע"פ אז "בחר הקב"ה בעולמו", ד.ה. אז דאס איז סאקע אן ענין פון קדושה, ווארום עס נעמט

<u>הנחה הה' בלתי מוגה</u>

זיך פון הקב"ה וואס ער איז מקור הקדושה, אין א אופן פון "בחר" (כנ"ל), אבער וויבאלד אז דאס איז מיצרים וגבולים, איז דאס ניט תכלית השלימות, און דערפאר דארף זיין די גאולה דערפון, וואס לגבי דער גאולה זיינען די מיצרים וגבולים אן ענין פון עבדות. און די גאולה ווערט אויפגעטאן בחודש ניסן.

וואס דאס איז אויך די הוראה, אז א איד דארף זיך ניט באגנוגענען מיט אן עבודה פון שו"ע אליין, ווארום שו"ע אליין איז אן עבודה שבמדידה והגבלה, נאר ער דארף טאן עבודתו אין אן אופן פון גאולה – העכער פון מיצרים וגבולים (אפי') דקדושה.

און דאס איז אויך וואס יעדער חודש זאגט מען "שהם עתידים להתחדש כמותה", ווארום מאכן פון מיצר וגבול פון וועלט מיצר וגבול דקדושה איז דאס אויך א חידוש, ווארום ער טוט אויף אז וועלט זאל ווערן א "דירה לו ית' בתחתונים",

איז דאס אבער ניט תכלית השלימות פון א אידן, [ ווארום ס'איז דאך במדידה והגבלה ], און דער תכלית השלימות איז בשעת ער גייט ארויס פון מצרים וגבולים דקדושה, וואס דווקא דעמולט איז דאס גאולה, כנ"ל.

וואס דאס איז דער כללות הענין פון ישראל עושים תשובה ומיד הם נגאלים, און ווי דער רמב"ם (הל' תשובה פ"ז ה"ה) זאגט: הבטיחה תורה שסוף ישראל לעשות תשובה בסוף גלותן כו', ושבת עד ה' אלקיך כו'. וואס מ'קען דאך ניט זאגן אז מ'מיינט תשובה אויף עבירות און ענינים בלתי רצויים, ווארום אויף דערוף איז דאך ניט שייך קיין הבטחה אז ס'וועט זיין ("הבטיחה תורה"), ווארום צדיק ורשע לא קאמר (נדה טז, א),

נאר די תשובה איז ארויסגיין פון מיצר וגבול דקדושה, און אויף דערוף איז יע שייך הבטחה, ווארום אע"פ וואס צדיק ורשע לא קאמר, איז דאך אבער מיצר וגבול – קאמר, און אזוי האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט. וואס אזוי איז דאס אויך בנוגע צו ירידה הנשמה בגוף וואס זי איז יורד מאיגרא רמה לבירא עמיקתא, אין די מדידות והגבלות פון גוף.

און אויף דערוף איז די תשובה, וואס דאס איז תשובת הצדיקים, וואס "משיח אתא לאתבא צדיקיא בתיובתא" (לקו"ת דברים צב, ב). ווי ער זאגט אין לקו"ת האזינו (עא, ג) אז תשובה איז "והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה", אז די שליטה פון נשמה אויפן גוף איז [ ניט נאר אז דער גוף איז ניט קיין מניעה צו קיום התומ"צ, נאר נאכמער ] אז ער גייט ארויס פון זיינע מדידות והגבלות; זייענדיק אין גוף איז די נשמה שולט אויפן גוף אין אן אופן פון "ביד רמה", על דרך ווי ארויסגייענדיק פון מצרים זיינען אידן געווען "ביד רמה" נאך איידער זיי זיינען ארויס פון מצרים, און זיינען געווארן בני חורין, וואס דאס איז געווען ווען זיי זיינען שוין דורכגעגאנגען פי החידות [ און פאר דערוף איז "אין עבד יכול לברוח משם" (מכילתא יתרו פ' א') ] – איז שוין ביי דער יציאה געווען "יוצאים ביד רמה" (שמות יד, ח); בחצות הלילה (וואס דעמולט איז געווען מכ"ב); און נאך פריער – שבת הגדול (התחלת הגאולה והנסים (שו"ע אדה"ז סימן ה"ל ס"א)); און נאך פריער – ווי די גמרא זאגט אין ר"ה (יא, א) אז "בר"ה בטלה עבודה מאבותינו במצרים", וואס דאס איז געווען זעקס מיט א האלבע חדשים פאר דער גאולה –

איז שוין דעמולט זיינען אידן געווען ביד רמה; ועד"ז די נשמה ווי זי איז אין גוף.

די הוראה דערפון איז: א איד קען זיך דאך באגנוגענען מיט אן

הנחה הה' בלתי מוגה

עבודה עפ"י די מדידות והגבלות פון שו"ע, און ער וועט עס טאן בשלימות, זאגט מען אים אז דאס איז נאך אלץ מיצר וגבול (דקדושה), וואדום דער שו"ע איז במדידה והגבלה און ער דארף ארויסגייין פון אט די מדידות והגבלות, דורך דערוף וואס ער וועט מוסיף זיין [אין דעם שו"ע] חיות והידור ושמחה, וואס שמחה איז פורץ גדר און מדידה והגבלה.

און אז מ׳גייט ארויס פון די מיצרים וגבולים דקדושה - גייט מען ארויס בדרך ממילא פון די מיצרים וגבולים דלעו"ז.

און די הנהגה פון למעלה ממדידה והגבלה ווערט נמשך אויף א גאנצן יאר, וואדום ניסן איז דאך "ראש חדשים..ראשון..לחדשי השנה",

און דאס הויבט זיך אן נאך פון שבת מברכים, וואס דעמולט איז די נתינת כח אויף דער עבודה פון ר"ח, וואס אזוי ווי א ראש פירט אן מיט אלע איברים, אזוי אויך די החלטות פון ד"ח ניסן, און נאך פאד דערוף - שבת מבדכים החודש ניסן, פירן אן מיטן גאנצן יאר, אז די עבודה זאל זיין למעלה ממדידה והגבלה.

און ווען א איד טוט זיין עבודה אין אן אופן פון למעלה ממדידה והגבלה גיט מען אים מלמעלה אויך אין אזא אופן וואדום מידתו של הקב"ה איז דאך מידה כנגד מידה, נאר כמה פעמים ככה, אז עס ווערט נמשך מלמעלה אין אן אופן פון למעלה ממדידה והגבלה,

און כימי צאתך מאדץ מצרים אראנו נפלאות בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ובקרוב ממש.

ב. שוין גערעדט כמ"פ, אז על דרך ווי עס איז דא די הוראה פון דעם כללות הענין, אזוי איז אויך דא די הוראה פון די פרטים און שינויי הקביעות,

[וואדום די וועלט איז דאך דעם אויבערשטנס בעל-הבית׳שקייט, איז דאך לא ברא הקב"ה בעולמו דבר אחד לבטלה (שבת עז, ב - בשינוי לשון), און ווי תורת הבעש"ט (היום יום ע׳ נב) אז פון יעדער זאך וואס א איד זעט אדער הערט, איז דאס א הודאה אין אן ענין עיקדי בחייו, וואס אני נבראתי לשמש את קוני, וואס דאס איז זיין תכלית הבדיאה והשלימות],

וואס אזוי איז דאס אויך בנוגע צו דער קביעות פון שבת פ׳ החודש ומבה"ח ניסן היי-יאר, וואס עס איז דא א לימוד פון דער קביעות מיוחדת (וואס בימי השבוע איז דאס אלע מאל בשבת, אבער בימי החודש קען דאך זיין שינויים און) בשנה זו (איז דאס) בכ"ה באדר. וואס דערפון איז דא א הודאה (פרטית) נוספה אויף דער הוראה כללית.

און די הוראה איז ניט דערפון וואס דאס איז בחודש אדר, וואדום אזוי איז דאך דאס אויך אלע יאר, וואס משנכנס אדר מרבים בשמחה (תענית כט, א), וואדום דאס איז דעם גאנצן חודש אדר, אז א גאנצן חודש דארף זיין מרבים בשמחה, "והחודש אשר נהפך להם" (אסתר ט, כב), און ווי די גמרא (תענית שם) זאגט אז "מאן דאית ליה דינא בהדי עכו"ם" זאל ער דאס אפלייגן אויף חודש אדר - ניט מאכנדיק קיין חילוקים צווישן דעם ערשטן האלבן חודש מיטן צווייטן האלבן. און אזוי אויך בנוגע צו חתונוה - בשעה טובה ומוצלחת - איז א מנהג בכל קהילות ישראל אז מ׳מאכט חתונוה אויך דעם צווייטן האלבן חודש, נאך פורים, פונקט ווי אין דעם ערשטן האלבן חודש,

איז דערפון פארשטאנדיק אז דער לימוד והוראה פון דער קביעוח

הנחה הת׳ בלתי מוגה

פון ש"פ החודש דארף זיין [ ניט דערפון וואס דאס איז באדר - א חודש וואס מ'איז אין עס מרבה בשמחה, ווארום, בנ"ל, איז דאס א ענין וואס איז בכל החודש (ובמילא - בכל השנים), נאר די הוראה איז ] דערפון וואס ס'איז חל בכ"ה באדר.

וואס דער ענין מיוחד פון כ"ה באדר איז, בהקדם די מחלוקת הידועה (ר"ה יו"ד, ב ואילך) וואס ר"א האלט בתשרי נברא העולם, און ר' יהושע האלט אז בניסן נברא העולם -

וואס לשיטת ר"א אז (באחד) בתשרי נבה"ע - פרעגט מען אויף דערוף די שאלה: אחד בתשרי איז דאך יום הששי למעשה בראשית? ענטפערט אויף דעם דער ר"ן (ר"ה טז, א) אז באחד בתשרי, יום ברוא אדה"ר, איז דעמולט געווען דער תכלית וגמר הבריאה, אבער דער יום הראשון פון דער בריאה איז טאקע, לשיטת ר"א, בכ"ה באלול. ועד"ז איז פארשטאנדיק אז לשיטת ר"י אז (באחד) בניסן נבה"ע מיינט דאס אויך אז דעמולט איז געווען בריאת האדם, אבער דער יום ראשון פון מע"ב איז בכ"ה באדר, [ און באמת דארף מען דאס ניט ארויס לערנען - ווארום עס איז א תוספת מפורש אין ר"ה (ח, א. ד"ה לתקופות) ].

און מה-דאך אז בכלל ווען עס זיינען דא צוויי דעות, אפי' אויב די הלכה למעשה בלייבט נאר ווי איינע פון די דעות, זאגט מען דאך אז אלו ואלו דברי אלקים חיים (עירובין יג, ב),

איז עאכו"כ בנוגע אט דער מחלוקת פון ר"א ור"י וואס ביידע דעות זיינען גע'פסק'נט להלכה, וואס "חכמי ישראל מונין למבול (מנין השנים) כר"א, ולתקופה - כר"י" (ר"ה יב, א), [ ווי דער ביאור אין דערוף זאל ניט זיין - ווי אזוי קען מען פסק'ענען ווי ביידע ]. ד.ה. אז דעת ר"י איז נוגע להלכה ביז בימינו אלו. (וראה ג"ב חוד"ה כמאן מצלינן ר"ה כז, א).

וואס איז די מעלה פון (כ"ה באלול אדער לר"י) כ"ה באדר? איז דאס וואס מ'זאגט אז (דאס וואס ר"ה איז "זכרון) ליום ראשון" מיינט עס יום ראשון למע"ב, ד.ה. אז אין דערוף באשטייט די מעלה פון יום ששי - וואס ער איז א זכרון ליום ראשון.

וואס די מעלה פון יום ראשון למע"ב כפשוטו איז וואס דעמולט איז געווען: בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, און ווי רש"י (ראה רש"י בראשית א, יד) טייטשט אפ [ וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז דאס איז מובן צו אלעמען, אפילו צו א בן חמש למקרא ] אז את השמים - לרבות צבאיהם, ואת הארץ - לרבות צבאי'. ד.ה. אז ביום הראשון זיינען באשאפן געווארן אלע נבראים. וואס די מעלה איז ניטא אין קיין איין אנדער טאג פון מע"ב;

און דערנאך ביום הששי איז געווען דער ציווי: "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה" (בראשית א, כח) - דער ענין פון עבודה הנבראים. ובלשון פון פרדר"א (פ' יא) אז אדה"ר האט געזאגט צו די נבראים "בואו נשתחוה ונכרעה, נברכה לפני הוי' עושנו". וואס השתחואה איז ביטול. ווארום אע"פ אז עס איז געווען פארן חטא עה"ד, און וועלט איז געווען בשלימות, ס'איז געווען - "עולם על מילואו נברא", האט אבער אדה"ר געדארפט אויפטאן עס זאל זיין השתחואה וביטול מצד המטה (וואס ס'איז ניט געווען פריער מצד הבריאה).

ד.ה. אז דער חילוק בכללות איז: ביום הראשון איז געווען "בראשית ברא אלקים" וואס דאס איז מלמעלמ"ט, און ביום הששי האט זיך אנגעהויבן

הנחה הה' בלתי מוגה

וואס נבראים טוען אויף אין וועלט.

און בלשון הקבלה והחסידות איז דאס, אז תחילת הבריאה איז געווען מצד חפץ חסד, און דערנאך איז דאס באתערותא דלתתא תליא מילתא (לקו"ת נצבים מז, ב).

אז דורך דערויף וואס בשעה א איד לערנט און קאכט זיך און איז זיך מפלפל אין דער שקו"ט אין דער מעלה פון (כ"ה באלול אדער) כ"ה באדר וואס דורך זיין לערנען ווערט דאך דער הקב"ה קורא ושונה כנגדו (תדבא"ר רפי"ח) טוט ער אויף אין "בראשית ברא אלקים" די מעלה פון עבודת הנבראים, כנ"ל,

און ווי גערעדט אין א פריערדיקן פארברייינגען (ש"פ בשלח י"ג שבט) עה"פ חברים מקשיבים לקולך השמיעיני, אז (בירור הלכה איז דווקא דא למטה, און) דורך דעם בירור הלכה בתחתונים ווערט אויפגעטאן א דבר חדש וכו׳.

און דאס איז אויך דער ביאור אין דעם וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט דערציילט אז חסידים הראשונים פלעגן בכ"ה באלול לערנען די פרשה בתורה וועגן דער בריאה פון דעם טאג - פון "בראשית" ביז "ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד" - און עד"ז אין די אנדערע טעג, וואס דער ביאור איז כנ"ל אז דורך דעם לימוד אין בראשית ברא אלקים וגו׳, טוט מען אויף אין דעם די מעלה פון עבודת המטה.

און דאס איז אויך דער ביאור אין פירש"י עה"ת בתחילתו, וואס דא זעט מען אן ענין נפלא:

וואס רש"י זאגט דארטן: אמר ר"י: לא הי׳ צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם וכו׳, ומה טעם פתח בבראשית, משום כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גויים. ולכאורה איז ניט פארשטאנדיק: דער ענין פון פירש"י איז דאך "ואני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא", איז פארוואס ברייינגט רש"י די אריכות פון די קשיא "לא הי׳ צריך להתחיל..אלא מהחודש וכו׳"? אה"נ, אזוי שטייט אין מדרש (תנחומא ישן פ׳ בראשית אי"א) אבער רש"י איז דאך ניט מעתיק קיין מדרשים, און ער ברייינגט נאר דאס וואס עס איז נוגע לפשש"מ. ווי מ׳זעט אז ברוב המקומות ברייינגט ער ניט די קשיא, נאר ער זאגט גלייך דעם ביאור. איז, לכאו׳, האט רש"י דא אויך געדארפט גלייך זאגן אז פתח בבראשיה, ווארום כח מעשיו וכו׳.

[מ׳קען ניט פארענטפערן אז רש"י וויל מבאר זיין די מעלה פון "החודש הזה לכם" אז "הי׳ צריך להתחיל את התורה" מיט דעם,

ווארום דאס איז ניט נוגע ווען מ׳לערנט בראשית; האט עס רש"י געדארפט שרייבן (ניט עה"פ בראשית, נאר) עה"פ החודש, אז דער בן חמש למקרא זאל וויסן דאס האט א מעלה ביז אז מיט דעם "הי׳ צריך להתחיל את התורה"]

איז דער ביאור בזה:

רש"י וויל זאגן אז גלייך ווען מ׳לערנט "בראשית ברא אלקים" אפי׳ מיט א בן חמש למקרא איז אין דערויף דא דער "החודש הזה לכם".

ווארום ביי דעם בן חמש ווען ער לערנט בראשית ברא אלקים קען ווערן א שאלה: וויבאלד אז "בראשית ברא אלקים", איז דאך דאס פאר זייין לערנען אויך; איז וואס טוט ער אויף אין דעם מיט זיין לערנען? אויף דעם זאגט עס רש"י אז ער זאל וויסן אז דורך זיין לערנען טוט ער אויף אין בראשית ברא וגו׳ דעם החודש הזה לכם, (כנ"ל, אז דאס איז

די גאולה פון מצרים וגבולים, אפי׳ דקדושה). וואס דאס איז וואס רש"י זאגט אז לא הי׳ צריך להתחיל אלא מהחודש הזה לכם, וואס דאס מיינט אז אין דעם "בראשית" טוט מען אויף אז "הי׳ צריך להתחיל בהחודש הזה לכם"; נאר דער "החודש הזה לכם" שטייט בהעלם, אין דער "בראשית ברא", און זיין ענין איז אויף מגלה זיין, אז דער ענין פון בראשית איז לתת להם נחלת גויים, דער מדידה והגבלה פון בראשית ברא איז בכדי אז סוף כל סוף זאלן אידן אויפטאן "לתת להם נחלת גויים" - דער ענין פון גאולה.

און ווען פ׳ החודש פאלט אויס בכ"ה באדר, וואס דער ענין פ׳ החודש איז דאך, כנ"ל, גאולה - למעלה ממדידה והגבלה, טוט מען דאס אויף אין כ"ה באדר - אין "בראשית ברא <u>אלקים</u>", אז אין דער בריאה ווי זי איז מלמעלמ"ט, טוט ער אויף (אויך) די מעלה פון עבודת המטה,

די הוראה דערפון איז:

מ׳האט גערעדט פריער (בשיחה א) אז די הוראה פון פ׳ החודש איז אז די עבודה דארף זיין למעלה ממדידה והגבלה. קען א איד טענה׳ן: במה דברים אמורים - ווען ס׳רעדט זיך וועגן ענינים פון תומ"צ,

וואס ווי גערעדט פריער (שיחת ש"פ חשא, פ׳ פרה) בנוגע וואס הלל מחייב עניים און ר׳ אליעזר בן חרסום מחייב עשירים, וואס לכאו׳, אפי׳ אן הלל׳ן, איז דאך א דין אין שו"ע אז יעדער איינער אפילו אן עני, איז מחוייב בלימוד התורה? האט מען גערעדט דעם ביאור בזה, אז עפ"י שו"ע קען א איד אויסקלייבן צווישן צוויי דרכים. אדער "דרכה של תורה" (אבות פ"ו, ד) וואס דעמולט איז "חיי צער תחי׳". אבער ער קען אויך אויסקלייבן דרכה של מצוה, וואס דאס איז אויך א "דרך הוי׳ לעשות צדקה ומשפט" (בראשיה יח, יט), (וואס בכללות איז דאס דער חילוק פון יששכר וזבולון, אבער דאס איז נאר בכללות, ווארום ס׳איז דאך ח"ו צו זאגן אז יששכר איז ניט מחוייב במצוות, און זבולון - בתורה. דער חילוק איז נאר - וואס איז דער עיקר עבודה (כמבואר באגה"ק סי׳ ה׳ (קט, א))),

וואס אזוי איז געווען ביז הלל׳ן, און הלל האט אויפגעטאן אז אע"פ וואס ער איז געווען א חוטב עצים, איז גלייך ווי ער האט פאר-דינט א פרוטה איז ער געגאנגען לערנען תורה. וואס דערפאר איז הלל מחייב עניים אז אפי׳ זיי, זיינען מחוייב בלימוד התורה. און עד"ז - ר׳ אליעזר בן חרסום מחייב עשירים.

אבער דאס אלץ איז אז ער דארף זיין למעלה ממדידה והגבלה אין תומ"צ.

אבער אין "הנהג בהם מנהג דרך ארץ" (ברכות לה, ב), טענה׳ט ער, אז ס׳מאכט ניט אויס אז עס איז במדידה והגבלה, ובלשון החסידות: בעל-הבית׳שע הנחוה, הנחות פון א בעה"ב.

און דאס איז די הוראה ווען ש"פ החודש פאלט אויס בכ"ה באדר, אז ער דארף אויפטאן דעם "החודש הזה לכם" אין דעם"בראשית ברא אלקים", וואס אלקים איז דאך דין, גבורה צמצום העלם והסתר, ביז - אלקים בגימט׳ הטבע, דארף ער אין דערוף מאכן דעם החודש הזה לכם - למעלה ממדידה והגבלה. ד.ה. אז אין "הנהג בהם מנהג דרך ארץ" דארף ער אויך ארויסגיין פון די הגבלוה פון שו"ע, אז אויך אין די הנהגה בין אדם לחבירו איז דאך דא אבק לה"ר און השגת גבול וואס כמה פרטים זיינען מותר עפ"י שו"ע -

דארף אין דערוף זיין "ועשית הישר והטוב" - לפנים משורת הדין

<u>הנחה הה׳ בלתי מוגה</u>

(ב"מ ל, ב), ביז אז "בכל דרכיך" - דיינע דרכים דארף זיין "דעהו";

און כמדובר כמ"פ, אז די הוראה פון די קביעות איז ניט נאר פאר דעם יאר, נאר מ'לערנט דאס דערפון אפ אויף אלע יארן. נאר אין די קביעות פון שנה זו שטייט דער ענין בגילוי, אז אין דעם בראשית ברא וגו' (כ"ה אלול) דארף זיין דער החודש הזה לכם וגו'.

ויהי רצון אז דורך דער עבודה למעלה ממדידה והגבלה, זאל זיין דער ענין פון "מסמך גאולה לגאולה", אז פון דער גאולה וואס אכתי עבדי דאחשורוש אנן, וואס זי איז בשמחה, וואס שמחה פורץ גדר, זאל מען צוקומען צו דער גאולה פון פסח,

וואס כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, בגאולה האמיתית והשלימה ובקרוב ממש.

ג. מאמר כעין שיחה ר"ה החודש הזה לכם ראש חדשים וגו'.

ד. השיחה על פירש"י (לט, מג) י"ל בלקו"ש לפ' ויק"פ (ש.ז.), הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א.

בנוגע צו די הערות אויף זוהר, וואס ער שטעלט זיך אויפן זוהר סוף פרשתינו (רי"ז, ב) וואס ער דערציילט וועגן רשב"י און ר' יוסי, אז ר' יוסי הוה מהרהר במילי דעלמא, האט רשב"י דערזען אז דורכדעם איז חסר אות בשמו, און האט דאס בעזאגט ר' יוסי'ן, האט זאך ר' יוסי בענומען צום לערנען "וחדי במילין דאורייתא", ער האט בעהארעוועט און זיך מהייגע געווען אין תורה, ביז רשב"י האט אים בעזאגט אז זיין נאמען איז שוין בשלימות.

און ער איז מבאר בארוכה אין די הערות (ע' קנה) ע"פ קבלה דעם ענין וואס דורך הרהר במילי דעלמא האט אים בעפעלט א אות בשמו, און אז דאס איז בעווען אות יו"ד, און אז ר' יוסי האט א שייכות מיט ספירת המלכות, און איז דאס מבאר אין אותיות פון קבלה וחסידות.

וכמדובר כמ"פ אז צוליב דעם צמצום אין דיו ונייר האט ער בעשריבן אין די הערות נאר די ענינים וואס אליין קען מען ניט פארשטיין, און דאס וואס מען קען אליין פארשטיין האט ער זיך פארלאזן אז מ'וועט זיך אליין כאפן.

וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק: צוליב וואס האט מען אדיינבעשטעלט דעם סיפור אין זוהר, וואס האט בעטאן ר' יוסי, און וואס האט אים רשב"י בעזאגט וכו', וויבאלד אז דאס איז א ענין וואס איז היפך שבחם של ישראל, ואפי' אויב מ'זאל זאגן אז מ'האט אריינבעשטעלט דעם סיפור כדי מען זאל ארויסנעמען פון אים א הוראה, האט מען ניט בעדארפט אריינשטעלן דעם נאמען, אז דאס האט בעטאן ר' יוסי.

און וועז מ'ווייסט אז ס'איז בעווען ר' יוסי, דעמולט ווערט די תמיהה נאך גרעסער, ר' יוסי איז דאך בעווען תלמידו של רשב"י, און ווערט אנגערופן חברייא דילי', איז ווי קומט עס אז ר' יוסי "הרהר במילי דעלמא". אמה טאקע ער איז מבאר אין דער הערה אז די כוונה איז ניט סתם מילי דעלמא, נאר ס'מיינט ענינים פון עולמות בי"ע וכו', וויבאלד אבער אז דורך דעם האט בעפעלט בשלימותו ביז "אחסר אות משמו", האט ער דאס ניט בעדארפט טאן.

אויך דארף מען פארשטיין, ווי קומט עס, אז ער האט געדארפט אנקומען אז רשב"י זאל אים דאס זאגן, און ער אליין האט ניט מרגיש געווען אז זיין שם איז ניט בשלימות. ובפרט ע"פ המבואר בחסידות (לקו"ת בהר מא, ג) אז דורך דעם שם מיט זיינע אותיות ווערט די המשכה פון חיות הנשמה אין גוף, קומט דאך אויס אז ווען ס'האט אים געפעלט אן אות בשמו האט דאך אים געפעלט אין התגלות חיות הנשמה, איז ווי קומט דאס אז ער אליין האט דאס ניט מרגיש געווען?

און אויך, וויבאלד אז מ'זעט דאך אז דורך דעם וואס ער האט געלערנט תורה איז ער צוגעקומען צו זיין שלימות, זעט מען דאך אז דאס איז געווען בכוחו ויכלתו צוקומען צו דעם, איז ווי קומט דאס איז ער האט דאס אליין ניט געטאן, נאר ער האט געווארט אז זיין רבי זאל עם דאס זאגן?

עד"ז דארף מען פארשטיין, דאס וואס נאכדעם וואס "חדי במילין דאורייתא" און דער שם זיינען איז ווייטער געווארן בשלימות, האט ער דאס אליין ניט געפילט, נאר דווקא רשב"י – זיין רבי – האט אים דאס געדארפט זאגן. וכפי שיח' לקמן.

ה. כאן הי' הביאור על פירש"י (נדפס בלקו"ש ויק"פ, כג"ל). ואח"כ אמר:

יעדער איינער דארף אויפטאן זיין שליחות אין הפצת המעיינות אין וועלט, ובפרט אין א ענין וואס הזמן גרמא, וואס מען שטייט דאך בשבת מבה"ח ניסן, הייבט זיך דאך שוין אן טומלען וועגן חודש ניסן, וואס עיקר עניננו איז יצי"מ וחג הפסח [ביז אז ווען מ'זאגט אז בניסן איז ר"ה למלכים ולרגלים, איז דא א הוה אמינא אז ס'איז בפסח], וואס אין דערויף זיינען דא די ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט מבצע מצה, וואס יעדער איינער גרייט זיך, און האפט צו דעם אויבערשטן אז עד וועט אים אויסהיטן פון א חשש משהו חמץ בפסח, וועט אזוי אויך זיין א גאנץ יאר, זאל ער זען אז אויך ביי א צווייטן איד זאל זיין מכירת חמץ, וואס דאס איז בכללות סור מרע, און האבן מצה ושאר צרכי הפסח, וואס דאס איז בכללות עשה טוב. ועד"ז בנוגע די אנדערע מבצעים חדידים על כל השנה, וואס זיי זיינען, מבצע תורה, מבצע תפילין, מבצע צדקה, מבצע מזוזה, מבצע ביה מלא ספרים, און פאר נשי ובנות ישראל משהגיע לחינוך, מבצע נרות שבת קודש ונרות שבת ויו"ט בברכה וכו׳. (חסר הסיום).

ו. בנוגע דעם ביאור אויפן זוהר, איז דאס פארבונדן מיט דעם וואס מ'האט גערעדט לאחרונה וועגן מרדכי, וואס ער איז געווען "רצוי (נאר) לרוב אחיו", ווי די גמ׳ (מגילה טז, ב) איז דאס מבאר אז "מקצת סנהדרין פרשו ממנו", דערפאר וואס ער האט זיך פארנומען מיט "דובר שלום <u>לכל</u> זרעו" – עסקנות ציבוריות לטובת אלע אידן, מיט דעם וואס ער איז געווען "משנה למלך" און דערמיט פארהיט און ניט צוגעלאזן קיין גזירות אויף אידן וכו׳. אבער דערפאר האט ער ניט געקאנט ממשיך זיין בלימוד התורה ווי פריער. איז דערפאר "מקצה סנהדרין פרשו ממנו", ווארום זיי האבן געהאט אן אנדער סדר עבודה, דער סדר פון "תורתו אומנתו", און דערפאר האבן זיי אים אראפגענומען מיט איין ארט נידעריקער, אז אנשטאט זיין "בחר ד׳" (דער פינפטער) איז ער געווארן "בחר ה׳" (דער זעקסטער).

וואס לכאו׳ איז ניט פארשטאנדיק: פארוואס האבן זיי אזוי געטאן, צו רעכענען אים מיט א ארט נידעריקער, און אויך ארייגעשריבן וועגן דעם אין מגילה – דאס קען דאך דערגיין צו מרדכי׳ן און פארשאפן אים

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u>

עגמה נפש? נאר דער ביאור איז, אז מרדכי האט געוואוסט אז מען וועט אים רעכענען נידעריקער וכו׳, ואעפ"כ האט ער זיך דערמיט ניט גערעכנט, נאר ער האט זיך פארנומען מיט עסקנות ציבורית, כאטש אז דורך דערויף וועט אים פעלן בלימוד התורה, ווייל דער ענין פון עסקנות ציבורית איז נאך העכער דערפון, ווי מ׳זעט דאס פון דעם דין אז אפי׳ תורתו אומנתו, וואס "אין מפסיקים לתפלה", איז אבער מפסיקים לק"ש, משא"כ א עוסק בצ"צ איז אין מפסיקים אפי׳ לק"ש, וואס ווי שוין גערעדט, ווערט דאס א הוראה פאר אלעמען, צו טאן אין דער שליחות פון נשיא דורנו, און ניט רעכענען זיך און אפשטעלן זיך פאר קיינע שוועריקייטן. וואס אזוי איז דאך אויך געווען די הנהגה ביים רבי׳ן דעם שווער, אז ער האט גע-שיקט שלוחים צו מייסד זיין חדרים, צו זיין מלמדים וכו׳, הגם אז דאס איז געווען פארבונדן מיט מס"נ בפועל, ווארום ס׳איז געווען א מקום סכנה, וואס ס׳איז געווען ניט נאר חשש סכנה, נאר סכנה בפועל ממש, ווארום מ׳האט געזען אז דער שליח וואס איז געווען פאר אים האט מען געכאפט און פארשיקט וכו׳, פונדעסטוועגן האט מען זיך ניט אפגעשראקן און געשיקט א צווייטן צו ממלא זיין דעם מקום פון דעם פריערדיקן און ממשיך זיין אויפהאלטן דעם חדר וכו׳, און מ׳איז געגאנגען בשמחה וטוב לבב, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיינע מניעות ועיכובים. און פון דערויף זעט מען היינט פירות ופירי פירות פון די אידן - יונגע לייט און בחורים - וואס האבן זיך מוסר נפש געווען אויפשטעלן חדרים, לערנען מיט קינדער, און טאן אין הפצת היהדות.

(י׳ שבט תשל"ד)

און ווי שוין גערעדט אמאל אין א התוועדות באריכה, אז די מס"נ פון דעם משלח - דער רבי - איז געווען נאך גרעסער ווי דער שליח, ווייל ער האט געדארפט נעמען די אחריות צו שיקן א צווייטן למקום סכנה.

וואס דערפון זעט מען די הוראה פאר די אלע וואס זיינען נתמנה געווארן מיט א שליחות פון עסקנות ציבורית, פון הפצת המעיינות, אז מ׳דארף ממשיך זיין טאן אין דער שליחות, הגם אז עס זיינען דא שוועריקייטן און מניעות ועיכובים, זאל מען ניט נתפעל ווערן דערפון און אויפהערן טאן אין דער שליחות, נאר ממשיך זיין אין דערויף בשמחה וטוב לבב. וואס מה-דאך אז מ׳האט זיך ניט אפגעשטעלט און נתפעל געווארן פאר סכנת נפשות בפועל, איז עאכו"כ אז מ׳דארף ניט נתפעל ווערן מפני המלעיגים וואס לאכן אפ און מאכן שוועריקייטן וכו׳.

וזהו ג"כ ההוראה עכשיו, שלא צריך להתפעל מאלה שמלעיגים, ומרימים ידי׳ שזהו מה שהי׳ בפורים, שזה עוד יותר גרוע ממה שהי׳ אצל היבסקצי׳, שהם ג"כ היו יהודים שידעו ללמוד, ובל הצרות שהם עשו ליהודים ועד מה שאסרו את הרב אז עכ"פ זה הי׳ באופן של משפט, אמנם משפט סדום, אבל זה הי׳ באופן שהיו שואלים שאלות והי׳ להם סבלנות לשמוע את התשובות, ואח"כ פסקו פס"ד של סדום כך וכך, אבל אצלם ג"כ לא הי׳ כזה להרים יד סתם על יהודי שמקיים תומ"צ, וגם שהם עשו את זה אז הם אמרו שהם הולכים בשיטת קארל מארקס, בשם קאמוניזם וכו׳, אבל פה הם עושים בהוד יהודים דתיים, שזה מצד הדת, הם הולכים עם שטריימל, ועם גארטל, ווייסע זאקן, והולכים לשבור שמשות, וזורקים אבנים וביצים, ומרימים ידיים על יהודים, מצד ה"פרומקייט" שלהם, וכזה דבר אף פעם לא הי׳ רק בהשל"ה,

ומדוע הם עושים את זה כי הם רוצים לעבור ברחוב שלהם, כמו שבנ"י אמרו

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

<u>לאדום</u> בני עשיו. נעבדה נא בארצך, לא רוצים לקחת מהם שום דבר, לא מבקשים כסף על שום דבר, וגם אם יבקשו לא יתנו להם, הדבר היחיד שרוצים שיתנו להם לעבור ברחוב במנוחה, הבחורים מאחרים לאכול סעודה פורים, והולכים לראוה שעוד יהודי יניח תפילין, ואח"כ הם חוזרים מלזכות יהודים במצות תפלין, והולכים להתפלל מנחה, אז מתנפלים עליהם, ושוברים שמשוה, וזורקים אבנים וכו׳. ומתי הם עושים את זה בפורים, אני לא יודע אם הם יודעים את הגמרא בשבת, שכתוב שבפורים קיימו וקיבלו את אשר החלו שעשית במ"ת, ומנצלים כזה יום לעשוה דברים כאלו, במקום לקיים סעודת פורים, ואת המצוות של פורים, מתנות לאביונים וכו׳, אז הם מריבים ידים על בחורים, בגלל שהם משהדלים להניח תפילין עם עוד יהודים,

ומה מבקשים מהם רק לעבור ברחוב שלהם, לא מבקשים מהם מים, יש להם בארה של מרים, זיי דארפן ניט אַקומען צו זייערע חסידות, זיי האבן מער, זיי דארפן ניט אנקומען צו זייערע חסידות, זיי האבן מער, רק לעבור ברחוב שלהם, אז הוא שזה רחוב שלו, והוא לא נותן לעבור, והם שוכחים לגמרי על הקב"ה, שמלא כל הארץ כבודו, ליה אתר פנוי מיני׳, אלא הרחוב שלהם, וצריך לקבל רשות מהיצה"ר שלהם, כי היצ"ט בודאי מסכים, אלא הוא רוצה שיבקשו רשות מהיצה"ר שלו, אז הוא לא נותן לעבור ברחוב לבחורים שהניחו תפילין עם יהודי, והוא מתגאה ואומר אז מיר דארפן ניט מאכן קיין בע"ת, זהו הדי מאמרז"ל מפורש, גמ׳ מפורשת, זהו נגד כל התורה, אומרים עלי אז איך שיס מיט מאמרז"ל, ס׳איז ניט מיינע, דאס שטייט אין הורה.

ועומדים בשעה מעשה רבנים שלהם, ראשי ישיבוה, מדריכים וכו׳ וכו׳, ואף א׳ לא מוחה ע"ז, חיכיתי מאז עשרה ימים, כנגד עשרת ימי השובה, פורים הוא בי"ד והיום הוא כ"ה, עברו עשרה ימים שלימים, ואף א׳ מהם לא עשה מחאה, לא רב שלהם, לא ראשי ישיבות, לא מנהיג רוחני, וכו, וקולר תלוי בצואריהם של אלו, היות שהם מיחו, אז הם עומדים מהצד ומסתכלים מה שעושים, ואותות של שמחה ניכרים על פניהם, ישנם תמונוה מזה, וא"א להכחיש, עם יגדילו את התמונה אפשר גם להכיר מי זה; וראו את פלוני בן פלוני, ואחיו הגדול, ובן דודו, ורואים שם רבנים וכו, ואותות של שמחה על פניהם, והם הולכים לקרוא ג"כ לאשה ולילדים, ולהראוה להם איך שצריך להתנהג בפורים, ואני מתכוון להתמונה שרואים שם את הסנק, אני קורא לזה במפורש "סנק", מיט׳ן גוי׳אישן נאמען, און זיי מאכן פון אידישקייט גוי׳אישקייט, והדים ידי <u>עשיו</u>, ורואים רבנים וכו׳ ואף א׳ לא מוחה, מישהו מהם כתב איזה מחאה, שמה שהי׳ שם זה לא שיטתם ולא להי רוחם, אז ראשית לא זוהי המחאה ממנו שירתיע אותם, אלא צ"ל באחד שהם יפחדו ממנו, וישמעו בקולו, וחבל לדבר על עצם המחאה לגנאי או לשבח, אז יודעים איך שהוא בעצמו חינך את הילדים הקטנים שלו בפורים, איך להתנהג עם הבחורים שמזכים יהודים במצוה תפילין, ורואים שם במפורש רבנים ראשי ישיבוה, זה מודפס בעתון בעשרוה אלפי עותקים, א"א להכחיש את זה, ממה שהי׳ פעם אין תמונוה, אבל עכשיו ישנם תמונוה, וקורין לכל המשפחה שיבואו לראוה. אפשר לשבח את הנשים שם שהם נגד זה.

ובכלל הגמ׳ אומרת אם אחד מהמשפחה מוכה, אז כולם מוכסים, כי אם הם לא היו מוכסים, אז לא היו נותנין לו שיעשה את זה, ואם יש להם קושיות שישאלו על הגמ׳, וכולם עומדים מן הצד וצחקים, ואלו שצוחקים מהצד, הם עוד יותר גרועים מאלה שמרביצים, כי הזא מדאה איפה שהוא אוחז – הוא נמצא בשאול תחתיה, אז הוא הולך להרים יד על יהודי, אבל אלה שעומדים מן הצד אין להם את התוקף לעשות מה שהם רוצים, אלא עומדים מהצד ונהנים, והם לא מוחים על זה, והם יכלו למנוע מלכתחלה את כל זה, כמו שראו בשה"פאליס" אסרו מישהו מהם ע"ז, אז הראש ישיבה התערב והבטיח שמכאן ולהבא לא יקרה כזה דבר, ואם הוא יכול לקבל אחריוה על להבא שזה לא יקרה ז.א. שיכול למנוע בעדו, אז הוא יכול למנוע גם קודם, אלא הם שמחים מזה.

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u>

אני יודע שישנם כאן מרגלים שלהם, שבאו לשמוע מה שידברו על זה, כמו שהיו בפורים, והיות שבשבה אין טייפ, אז יכולים להוסיף נופך משלהם, ולומר שכך אמרהי וכו׳, אני אומר עוה"פ לפני כל עם ועדה, שזה עוד יותר גרוע מהייבסקצי׳ וכו, במו שהם לא התפעלו, ג"כ עכשיו לא יתפעלו מהם, ובל זה אני מדבר שאם ישנו בחור שיניח תפילין עם יהודי אחד פחות, אז צריך לדבר על כל זה, כדי שלא יתפעלו מהם, ולא מדברים כאן על כל ישראל אלא על אלה שהיו שם ולא מיחו על זה, ועד עכשיו לא כתבו שום מחאה, והקולד תלוי בצוארם של הרבנים, ראשי ישיבות, ובנהיג רוחני שלהם, אומרים שאני מחדש את המחלוקת, אז המח׳ ישנה גם בלי זה, והם עושים את זה, ובעיקר אלו שעומדים תחתיו והם מבחוץ ושותקים, ולא עושים שום דבר, אלא הם עושים סומעל מאחורי הפרגוד, ודוחפים אותם שהם יעשו כך וכך, והם כבר איימו באצבע שעד עכשיו הם התחילו אתם, ואני יודע שהם יכולים לשבור את השמשות בבית שלי, א רחמנות אויף מיין בע"ב׳סע, אבל אין לי ברירה, אני לא מתפעל מהם, ואני לא אפסיק לעסוק במבצע תפילין, ואלה שלא מיחו ושתקו הקולר תלוי בצואריהם, היו שם בחורי ישיבה ואברכים שלומדים בכולל, והוא קשור בגארסעל והולך להרים יד על יהודי, שכל המרים יד על חבירו... וכסיום הגמ׳ שם.

ועד"ז בנוגע שהם כותבים פתקים מישיבה וחותמים ע"ז וכו׳, והם אומרים שעושים את זה כדי שיהי׳ להם כסף, לחנך את הילדים, אוי ואבוי לכאלה תלמידים שיתחנכו ע"י כסף כזה, שבא מכאלה דברים וזה מרחיבי הדת,

וישנו רב אחד ממועצת גדולי התורה, שהוא רצה להכניס גם את המזרחי בענין הזה, אז אמרו שהם לא רוצים, והם לא מתעסקים בענינים כאלו, והם עושים צחוק מהענין של מיהו יהודי, בפורים, שאז קיימו וקבלו את אשר החלו לעשות במ"ת ואז הענין של יהודי ודוקא שנהגייר כהלכה, <u>אז</u> הם עושים צחוק מענין זה, מיט אזא גלייך-ווערטל או אחר, ומי עושה זה, לא מזרחי, לא מפ"ם ולא מפא"י, אלא דוקא הם בשם הדת.

כשמשיח יבוא אז יתבררו ויתלבנו הדברים והרי שכר מצוה מצוה, אז אלו שמתעסקים להניח תפילין עם יהודים אז הם ג"כ יזכו יהודים עם תפילין, ואלו שמרימים יד כו׳, יתנו להם שלאגן די בחורים שמניחים תפילין עם יהודים בבנינו של משיח צדקינו, והרי לא רוצים לעשות תשובה, וידאו עוד כמה ימים איזה מנה גדול יותר יתנו להם, שהרי כל המיצר לישראל נעשה ראש, והרי אין הרבה זמן עד שמשיח יבוא, רק געציילטע טעג, ואין זמן לדחות ענין התשובה לגלגול זה או אחר, אז יה"ר שהם יעשו תשובה וכו׳.

---

...ולסיים בדבר המשמח, דעד ביאור אין זוהר: ער איז מבאר אין דער העדה, אז דאס וואס ר׳ יוסי עסק במילי דעלמא, איז דאס אין ענינים פון עולמות בי"ע, [וואס דורך זיין טראכטן האט ער דאך זיכער מוסיף געווען און אויפגעטאן ענינים של קדושה בעולמות בי"ע], וואס דאס איז דער ענין פון עוסק בצרכי ציבור, ווי דאס איז געווען ביי ר׳ יוסי,

וואס ענינו איז דאך געווען עוסק בצרכי ציבור, ובעניני העולם, ווי די גמ׳ זאגט אין במה טומנין (שבת מט, סע"א) "אמר ר׳ ישמעאל בר"י אבא שלחא הוה", ד.ה. אז ער האט זיך פארנומען מיט עבוד ומכירת עורות, וואס דערפון זעט מען אז ער האט זיך פארנומען מיט מסחר, און עס איז ניט געווען תורתו אומנתו. ועד"ז ווי ס׳ווערט געבראכט בכמה מקומות (ראה סנהדרין יט, א. ועוד) וועגן ר׳ יוסי׳ן, אז תקן כמה תקנות בציפורי, זעט מען דאך אז ער איז געווען א עוסק בצרכי ציבור.

הגם אז ער איז געווען תלמידו של רשב"י, ער איז געווען פון די חבריא דילי׳, און רשב"י וחבריו זיינען דאך געווען תורתם אומנתם -



<u>הנחה הה׳ בלתי מוגה</u>

ווי די גמ׳ זאגט אין שבת (יא, א), קען מען זאגן אז ביי ר׳ יוסי׳ן איז דאס געווען אין באזונדערע צייטן, אדער נאכמער, אז אפי׳ ביי חבריא דרשב"י גופא (זייענדיק זיינע תלמידים וכו׳) איז געווען חילוקים מזמן לזמן, וממקום למקום. עכ"פ זעט מען דאך אז ר׳ יוסי איז געווען א עוסק בצרכי ציבור.

וואס דערפאר איז פארשטאנדיק וואס ער אליין האט ניט מרגיש געווען אז חסר לו אות משמו, און עס פעלט אים אין זיין שלימות, וואדום בכדי אז ער זאל זיך קענען עוסק זיין בצרכי ציבור כדבעי, דארף דאס זיין בשמחה, ע"ד ווי מ׳זאגט אז כללות הענין פון עבודת ה׳ דארף זיין בשמחה, זכמ"ש עבדו את ה׳ בשמחה, [און ווי דער דמב"ם פסק׳נט אפ (סוף הל׳ לולב)], איז עד"ז בנוגע צו עבודה פון עוסק בצרכי ציבור. איז אויב ער וועט פילן אז עס פעלט אים אין זיין שלימות, וועט ביי אים ניט קענען זיין די עבודה בצרכי ציבור בתכלית השלימות ובשמחה, איז דערפאר האט ער דאס ניט געפילט, נאר זיין רבי -רשב"י - האט דאס אים געדארפט זאגן.

וואס בנוגע ללימוד פון די וואס זיינען עוסק בצרכי ציבור - וואס וועט זיין מיט זייער לימוד התורה, שרייבט דער צ"צ (בסהמ"צ - ?) (וראה תו"א צח, ב) אז ס׳קאן זיין אויף צוויי אופנים: אדער אז מצד זייער שורש הנשמה איז גענוג אויך דער מיעוט זמן וואס זיי לערנען, (און דער קביעות עתים לתורה בכל יום); אדער אז אין דעם מיעוט זמן וואס זיי לערנען האבן זיי הצלחה מרובה ומופלגה, און בא זיי פעלט ניט אין לימוד התורה.

וואס דאס איז אזוי בכלל, דערנאך איז דא זמנים וואס אויך די וועלכע זיינען עוסק בצ"צ דארפן זיך אפגעבן מיט לימוד התורה באופן דתורתו אומנתו, און ס׳וועט ניט שאטן צו זייער עבודה אין עוסק בצ"צ, וואס דאס גופא, ווען דארף דאס זיין, קענען זיי אויך ניט וויסן אליין, ווארום זייער באנצער ענין דארף זיין דאס וואס זיי זיינען עוסק בצ"צ, און ניט טראכטן וועגן אנדערע עניינים (וואס דעמולט איז זייער עבודה בשלימות, כנ"ל), נאר דוקא זיין רבי -רשב"י - האט דאס געקאנט זען און אים זאגן. וואס רשב"י האט געזען אז יעצט איז געקומען די צייט אויף דערוף, פון דעם גופא וואס ער האט געזען אז עס פעלט אן אות אין זיין נאמען, און וויבאלד ער האט דאס דערזען, און יעדער ענין איז דאך בהשגח"פ, איז דאס א הוראה אז יעצט דארף ער צוקומען צו <u>זיין</u> שלימות דורך לימוד התורה באופן דתורתו אומנתו,

איז דערפאר האט ר׳ יוסי זיך געזעצט לערנען אין א אופן פון תורתו אומנתו - "חדי במילין דאורייתא", וכאמור אז דאס שאט ניט צו זיין עסק בצ"צ, ווארום יעצט איז געקומען די צייט וואס ער דארף דאס טאן.

און נאך דעם וואס חדי במילין דאורייתא במשך א זמן מסויים, איז דוקא רשב"י ווייס, און זאגט אים, אז ער איז שוין צוגעקומען צו זיין שלימות, און ער קען זיך ווייטער עוסק זיין בצ"צ ווי פריער.

וואס די הוראה דערפון איז, כמדובר כמ"פ, אז אזוי איז דאך פאראן די צוויי באזונדערע אופנים בעבודה, צי אין קו התורה - תורתו אומנתו, די וואס עיקר עניינם איז תורה; אדער אין קו פון גמ"ח, [ע"ד דער הפרש צווישן דעם אופן העבודה פון יששכר און זבולון]. פונדעסט-וועגן, דארף זיין ביי ביידן, ביידע קווים: די וואס עניינם איז תורה דארפן זיך עוסק זיין אויך אין גמ"ח; און די וואס עניינם איז גמ"ח דארפן קובע זיין עתים לתורה,

<u>הנחה הה׳ בלתי מוגה</u>

און אזוי ווי מ׳גייט באלד לייענען "ויקרא אל משה", ווי רש"י טייטשט אפ (א, א) אז דאס איז בכדי ליתן ריוח בין פרשה לפרשה, אז משה זאל דערנאך קענען איבערגעבן דאס צו אידן.

וואס דא זעט מען אז אויך ביי משה׳ן זיינען געווען ביידע עניינים פון תורה וגמ"ח. וואס הגם אז עניינו איז געווען תורה, ווי ס׳שטייט (מלאכי ב, כד) זכרו תורת משה עבדי, וואס "לפי שנתן נפשו עלי׳ נקראת על שמו" (ילק"ש ח"ב, תקצה), ואעפ"כ האט ער זיך אויך פארנומען מיט זיין דער רועה ישראל, ביז אין עניינים גשמיים, וואס בזכותו איז געווען דער מן פאר אידן, און אפי׳ די ענני הכבוד וואס זיינען געווען בזכותו של אהרן, ובארה של מרים וואס איז געווען בזכותה של מרים, זיינען זיי דערנאך נמשך געווארן דורך משה׳ן (שהש"ר ד, יא. (עה"פ שני שדיך (ד,ה))).

ועד"ז די התקשרות צו משה - און אזוי אויך צו אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא - דארף זיין אין ביידע עניינים - סיי לימוד התורה און דאס איז אויך וואס דער רבי נ"ע (דעם שווערס פאטער) האט געזאגט וואס שבת מיני׳ מתברכין כולי יומין, וואס בשבוע זה חל ב׳ ניסן, יום ההילולא שלו, אז איך גיי אין הימל, און די כתבים לאז איך אייך, וואס אין די כתבים האט ער זיך אליין ארייינגעגעבן, אנא נפשית כתבית יהבית (שבת קה,א), - און סיי עוסק בצ"צ, און אויף צו וויסן ווען ער דארף לערנען תורה און ווען ער דארף טאן אין צ"צ, אויף דערויף דארף ער לערנען הל׳ ת"ת לרבינו הזקן,

וואס דאס איז דאך וואס ר׳ לוי יצחק מברדיטשוב האט אפגעטייטשט אויף "כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה" (אבות פ"ב מ"ב), אז די כוונה (פון מלאכה) איז אהבת ישראל (ראה סה"ש קיץ ה׳ש"ת ע׳ 115), וואס דאס טוט זיך אויף בעיקר דורך די טנקיסטן, ובכללות דורך אלע וואס זיינען זיך עוסק אין הפצת היהדות והמעיינות.

און מ׳זאל טאן אין דעם בשמחה וטוב לבב, און ניט נתפעל ווערן מפני המלעיגים, וואס לאכן אפ, און ניט נאר וואס זיי אליין טוען דאס ניט, נאר אויך מלעיגים און הייבן העצט וכו׳, ווערט מען פון זיי ניט נתפעל נאר מ׳טוט דאס בשמחה וטוב לבב, און מ׳גייט ארויס פון מדידות והגבלות פון די אלע וואס מצירים לישראל, אין די לעצטע טעג פון גלות, און דורך דערויף ווערט פארברענט די שיריים פון חומת הגלות, און מ׳קומט צו די גאולה האמיתית והשלימה, ובקרוב ממש, בשמחה וטוב לבב.

* * *

הנחת הת׳ בלתי מוגה